ראָבּערט אינגערסאָל.

# אַ װעלט פון פרייד

בעארבייטעט דורך

פראָפ. ג. זעליקאָוויטץ.

פערלאג „פראגרעס“, ווארשא.

תרס״ו—1906

№ 33 פרייז 10 קאפ׳

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

349

# פערלאג „פראגרעס" ווארשא.

| | | |
|---|---|---|
| ב. פייגענבוים. | שטיינער וואס פאלען פון הימעל, פאפולערע ערקלערונג וועגען מעטעאָריטען, שטערנשנופּען און קאָמעטען . . . . . . . . | פּרייז 10 ק. |
| פ. שטרייסלער. | קולטור—געשיכטע, פאָפולער בעאַרבייט דורך א. ברעסלער. | 25 " |
| וו. קאראלענקא. | דער בלינדער מוזיקאַנט . . . . | 35 " |
| ב. פייגענבוים. | דארוויניזמוס, אָדער דארווין האָט געטראָפען . . . . . . . . | 10 " |
| ל. טאלסטאוו. | וועמענס גלויבען איז בעסער? איבערזעצט פון ה. וויכנין . . . | 5 " |
| אברהם רייזען. | צייט—ליעדער, (מיט אַפאָרוואָרט). | 20 " |
| וו. גארשין. | די געפאלענע פרוי, איבערזעצט פון ה. וויכנין . . . . . . . . | 10 " |
| א. ברעסלער. | יוסף פערלע. זיין ביאָגראַפיע ליטעראַרישע און אַלגעמיינע אַרבייט. | 10 " |
| ש. ל. הורוויץ. | בנימין פראנקלין, זיין לעבענס בעשרייבונג און די בעפרייאונג פון אמעריקא . . . . . . . . . . | 20 " |
| ה. ט. באקל. | די געשיכטע פון ציוויליזאציאן און ענגלאנד, קורץ פאָפוליאַריזירט דורך א. ברעסלער . . . . . | 20 " |
| ג. רובאקין. | ווי לעבען די חיות? (בילדער פון מהיר לעבען) . . . . . . . | 40 " |
| קוראטשקין. | פפלאַנצען—לעבען וועגען געוואָקס | 80 " |
| סיפאווסקי. | סאקראטאס, דער גריכישער פילאזאף . . . . . . . . . . | 20 " |

ראָבּערט אינגערסאָל.

# אַ װעלט פון פרייד

בעארבייטעט דורך

פּראָפ. ג. זעליקאָװיטץ.

פערלאג „פּראגרעס“, װארשא.

תרס"ו—1906

СВѢТЪ СЪ РАДОСТЬЮ

Изданіе „Прогрессъ,“ Варшава, 1905 г.

Дозволено Црнезую
Варшава 19 Ноября 1905 г.

Типографія И Эдельштейна и Ко.
Варшава, Налевки, 38.

# אַ וועלט פון פרייד.

1.

„עס איז ניטא קיין פינסטערקייט. נור אונוויסענהייט“.

יעדער מענש איז געבארען מיט געוויסע חסרונות פיר וועלכע מען קען איהם ניט האלטען פעראנטווארטליך, די נאטור קימערט זיך ניט פיר איינצעלנע מענשען, און יעדע פערזאן איז א פראדוקט פון געוויסע אומשטענדען.

יעדער מענש בעט נאך גליק; ער וויל צופריעדען שטעלען די בעדירפניס פון זיין קערפער און פון זיין גייסט, פאר'ן קערפער דארף ער שפייז, א געצעלט און קליידער. צו זעטיגען דעם הונגער פון זיין גייסט מוז ער האבען ליעבע, חכמה פילאזאפיע, קונסט און געזאנג.

א ווילדער מענש דארף זעהר וועניג צום לעבען. אבער א ציוויליזירטער מענש האט פיעל מעהר בעדירפניסע פיר זיין גוף און אויך זיין פערשטאנד בעדארף פיעל מעהר גייסטיגע שפייז.

א ווילדער מענש פיהלט, אבער ער דענקט ניט. ביי איהם קען אלזא דער געדאנק ניט בייקומען די ליידענשאפט, ביי דיעם ציוויליזירטען מענשען, ווען ער איז נור א דענקער, זעהען מיר פערקעהרט: די ליידענשאפט קען ניט בעזיעגען דעם געדאנק, קליינע קינדער האבען ליידענשאפטען איידער זיי קענען דענקען, און דארום זעהען מיר ווי די קינדהייט ווערט אימער בעהערשט גלויז פון ליידענשאפט און בעדירפניס.

אַ ווילדער מענש לאָזט זיך פיהרען פון דאָס, וואָס שײַנט איהם צו זײַן ריכטיג, ווײַל ער איז צו שוואַך אויפצופּאַסען און בעגרײַפען אַלעס מיט זײַן פערשטאַנד. דער ווילדער האָט דאַרום אָנגעפאַנגען גלויבען אין איבערנאַטירליכע זאַכען, ווען אַ געפאַהר איז איהם געקומען ענטקעגען, איז ער באַלד געלאָפען זוכען די הילף פון איין איבערנאַטירליכע מאַכט. זײַנע קינדער האָבען געטהאָן ווי ער, און אַזוי זײַנען אַוועק טויזענדע דורות ווען מיליאָנען מענשען האָבען געזוכט איבערנאַטירליכע הילף. ווער קען אויסרעכענען די מזבחות און טעמפּלען וואָס מען האָט געבויט צו פערגעטערען דאָס איבערנאַטירליכע מיט געבראָטענע פליייש, מיט געזאַנג, מיט תּענית׳ים און מיט געבעט?

אַזוי זײַנען פאָראיבער יאָהרען ביז דעם מענשענ׳ס פערשטאַנד האָט זיך ביסלאַכווײַז ענטוויקעלט. דער פערשטאַנד האָט אָנגעפאַנגען זיך צו פעראייניגען מיט די מוסקלען, און דער שׂכל איז געוואָרען דער פרײַנד פון אַרבײַט. די ביטערע ערפאַהרונג האָבען דעם מענשען בעוויזען, אַז די הענד מוזען מאַכען שותּפות מיט׳ן קאָפּ.

די נאַטור איז גוטהערציג און טיראַניש, פרײַ און איינגע„האַלטען. זי איז אָבער, נאָך אַלעמען אונזער מוטער, אונזער איינציגע לעהרערין: זי האַלט די זריעה פון אַלעס וואָס איז גוט און פון אַלעס וואָס איז שלעכט: די נאַטור שאַפט, זי שפּײַזט, זי האַלט אויף און זי צושטערט!

אין פערשטאַנד פון יעדען מענשען פערזעעט די נאַטור די זריעה פון געדאַנקען, נור עס ווענדט זיך אויף וואָס פיר אַ גרונד די זריעה איז געלײַנט.

דער מענש ווערט בעגײַסטערט פון אַלעס: יעדע בלום וואָס פערפלײַצט די לופט מיט פּאַרפומע, לאָזט איבער איין איינפלוס אויפ׳ן מענשען׳ס זעעלע אויך. דאָס ברומען פון ים, דער געזאַנג פון די וואַסערפעלזען, די שטימע פון דונער, די זיסע פלוידערײַ פון טײַבעלע, די בלעטלעך פון בוים וואָס סוד׳ען זיך, דער רעגען נאָטען פון אָרקעסטער־פײַגעלעך און די ווינדען וואָס זיפצען — דאָס אַלעס האָט געצײַגט דעם מענשען ווי ער

זאָל אויסגיסען זיין הערץ אין געזאַנג און אַריינגעבען אַ שפּראַך אין זיינע צָרות און האָפנונג, אין ליעבע און אין טויט.

אויפ'ן שפּיטץ בארג און אין טיעפען טהאָל, אין רוישענדען שטראָם און אין די הייסע זאַמד פון דער מִדְבָּר, אין וואָלקען און אין די שטערן, אין שנעע און אין רעגען, אין שעהנעס וועטער און אין שטורם, ביי נאַכט און ביי טאָג, אין וואלד און אין פלוין, אין אַלע קאָלירען וואָס מאַכען אַ מְחִיצָה צווישען ליכט און ליכט, אין אַלעס וואָס איז דאָ לעבען און זאַפט, אַלטקייט און טויט, אַלעס וואָס פליהט, שוועבט און שווימט, אַלעס וואָס בעוועגט זיך — מיט איין וואָרט אין אַלעס פון די מַעֲשֵׂי בְרֵאשִׁית, האָט דער מענש געפונען זְרִיעָה און צייכענס פון זיינע פערזענליכע געדאַנקען. אַ שעהנעס געשניצטעס בילד, פונקט ווי אַ שטראָם זיסע מעלאָדיען, צייגען דעם מענשען דאָס וואָס איז פאָלקאָמען אונטער דער זון, און זיי לאָזען איהם הערען די מעלאָדיע פון לעבען. די גרויסע פּאָעטישע ווערק, די איילבילדער, די ערפינדונגען. מייגונגען און פילאָזאָפיע, זיי דרעקסלען אוים דעם מענשען'ס פערשטאַנד. אָבער אַלעס איז נאַטירליך, און פון יענער זייט גרענעץ פון דער נאַטור קען דעם מענשען'ס פערשטאַנד ניט געהן.

און דאָך איז פערגאַנגען אַזוי פיעל דורות, ווען מענשען האָבען יאָ פּרובירט קלעטערען פון יענער זייט גרענעץ פון נאַטור — זיי האָבען געגלויבט אין איבער־נאַטירליכעס.

אין מעדיצין האָט דער מענש געגלויבט אין קְמֵיעוֹת, כִּשׁוּף און אָבשפּרעכונגען. עס איז קיין מאָל ניט איינגעפאַלען דעם ווילדען, אַז קראַנקהייט איז אַ נאַטירליכע זאַך.

אין כעמיע האָט ער געזוכט געוויסע מאַטעריאַלען דורך וועלכע ער זאָל קענען לעבען אייביג, און ער האָט אויך געזוכט אַ כּשוף־שטיין וואָס זאָל פערוואַנדלען אייזען אין גאָלד און בלאָטע — אין ברילליאַנטען.

אויך אין דער רעגירונג האָט דער מענש געגלויבט, אַז די קרוין איז אַ מְחוּתָּן מיט'ן הימעל, און יעדער קעניג האָט אַ שָׂר אין הימעל.

אַזוי האָט דער מענש די ערשטע צײַטען געזוכט דאָס איבערנאַטירליכע אין אַלעם וואָס רינגעלט אַרום די נאַטור. פון מאָראַל האָט דער מענש גאָר קיין בעגריף געהאַט. ער האָט ניט געוואוסט וואָס עס פּאַסט צו טהאָן און וואָס עס פּאַסט ניט, לויט ווי די נאַטור פערלאַנגט עס. ער האָט נאָר געוואוסט פון וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט, דאָס הייסט, ער האָט בעגלויבט, אַז אַ געוויסע קראַפט וואָס שטעהט העכער פיר נאַטור, הייסט אונז טהאָן געוויסע זאַכען, און עס וויל ניט לײַדען מיר זאָלען טהאָן אַנדערע זאַכען. אַזוי האָבעז זיך געצויגען דורות וואָס מענשען האָבען געגלויבט, אַז רעליגיאָן בעשטעהט נאָר אין לויבען און פערגעטערען דאָס, וואָס שטעהט העכער פאַר נאַטור, דאָס וואָס מען זעהט ניט, וואָס איז אָהן אַן ענד — מיט איין וואָרט — דאָס וואָס איז פון יענער זײַט נאַטור.

אָבער פּלוצלינג האָט דער מענש אויסגעפונען דורך ער־פאַהרונג אָדער דורך אַ צופאַל, אַז מען קען היילען געוויסע קראַנקהייטען דורך נאַטירליכע מיטלען, אַז אַ מענש קען פער־טרייבען זיינע שמערצען דורך געוויסע גראָז און קרײַטיכער.

דיזע ערפינדונג איז געוועזען אַ נײַע בְּרֵאשִׁית פיר די מענש־הייט, אַ שפּאָגיל נײַער אָנפאַנג. דער מענש האָט אָנגעפאַנגען קריגען מעהר אֱמוּנָה אין נאַטירליכע מיטלען, און זײַן אֱמוּנָה האָט זיך פערקלענערט פון טאָג צו טאָג אין קְמֵיעוֹת און סְגוּלוֹת. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ ביטערע מִלְחָמָה צווישען דעם פער־שטאַנד און די באָבע־מַעֲשֶׂה, צווישען וויסען און גלויבען. דיזע מִלְחָמָה האָט אָנגעהאַלטען אַזוי לאַנג ביז נאַטור האָט געזיגט. יעצט וויסען מיר אַלע, אַז די פערשידענע קראַנקהייטען וואָס פּלאָגען אונז, זײַנען נאַטירליך, און האָבען גאָר ניט צו טהאָן מיט'ן טײַפעל, מיט שֵׁדִים, רוחות אָדער גִלְגוּלִים. יעטצט וויסען מיר אויך, אַז די רְפוּאָה צו דיזע קראַנקהייטען קען נאָר גע־שעהן אויף אַ נאַטירליכען וועג, און אַז אַ קראַנקער קען קיין מאָל ניט געהאָלפען ווערען דורך כִּשּׁוּף, קְמֵיעוֹת, סְגוּלוֹת און פער־שפּרעכונג. מיט איין וואָרט. דער מענש איז געקומען אַזוי ווײַט

| | | |
|---|---|---|
| א. באגדאנאוו. | עקאנאמישע לעהרע, (פּאָליטישע עקאָנאָמיע) בעאַרבייטעט דורך א. ש. זאקס . . . . . . . . . | 25 „ |
| א. רייזען. | ערצעהלונגען און בילדער . . | 25 „ |
| מ. גארקי. | הברים און דער לעזער, איבערזעצט דורך ד"ר א. מאַרקאָוו . . . . . | 15 „ |
| א. יצחקי. | וואָהין געהען מיר? . . . . . | 3 „ |
| שלום אש. | אין א שלעכטער צייט, (בילדער און ערצעהלונגען) . . . . . . . | 30 „ |
| א. באגדאנאוו. | די שקלאפעריי, (צווייטעס העפט פון די עקאָנאָמישע לעהרע) בעאַר־בייטעט דורך א. ש. זאקס . . . | 15 „ |
| נ. רובאקין. | די לעצטע ערפינדונגען, בעאַר־בייטעט דורך ה. ווירנין, . . . | 20 „ |
| אהר—בוך | „פּראגרעסס„, זשורנאַל פיר ל[illegible]טור וויסענשאַפט און קר[illegible]ק [illegible] בוך, רעדאגירט אברהם רייזען . . . . . . . | 75 ק |
| ח"ה זעלדעס. | ווינטער אבענדען, פּאָפּולער וויסענ־שאַפטליכע געשפּראַכען . . . . . | 25 „ |
| קודריאווסקי. | אדם הראשונ'ס דורות, אָדער די פּאָרהיסטאָרישע צייט פון מענשען | 25. „ |
| א. יצחקי. | פ. כמאלעָנסקין. זיין ביאָגראַפיע. | 10. „ |
| קאראבטשעווסקי. | ערצעהלונגען וועגען ווילדע מענשען. איבערזעצט דורך א.ברעכלער. | 10. „ |
| יאנישעווסקי. | וועגען לופט, איבערזעצט דורך ד. פולם (ד. פינסקי). . . . . . . | 10. „ |
| פאוולאוויטש. | ווי האבען מענשען געלעבט? . . | 10. „ |

אדרעססע פון פערלאג „פּראָגרעסס„

Я. ЛИДСКІЙ. Книжный Магазинъ, Варшава, Налевки

# אין בוכהאנדלונג

## פון פערלאג „פראגרעס"

ווארשא, נאלעווקי 36 №

איז שטענדיג צו בעקומען דעם גרעסטען אויס־וואהל פון די בעסטע ניצליכסטע און נייעסטע יודישע ביכער וואס ערשיינען אין רוסלאַנד און אויסלאנד.

ספעציעלע בילינע פרייזען פערדם נערעכענט פיר ביבליאָטעק!

קאַטאַלאָגען פריי

Книжный магазинъ Издательства „Прогрессъ"
Варшава, Налевки 36.

## נייע ביכער

אין פערלאג „פראגרעסס".

| | | |
|---|---|---|
| לאַפאַרג. | די פרוי און די אַרבייטער־פראַגע . . . . . . . | 8 קאפ׳ |
| מאַרקס און ענגעלס. | די בורזשואַזיע און דער פראָלעטאַריאַט . . . . | 7 „ |
| ב. ליטאַן | דער צוקונפטיגער דור . | 30 „ |
| ע. טשיריקאָוו. | די אידען (Евреи) . . . | 30 „ |
| | ווי אַזוי עס האָבען זיך בעפרייט די דייטשען . . | 10 „ |
| דאָראָשעוויטש. | סאַחאַלין און קאַטאָרגע. . | 30 „ |

— קורצליך ערשיינט נאך נייע בראשורען —

צום פערשטאַנד, אז ער האָט זיך גענוגענט מיט אַלערליי רפואות, וואָס זענען פון יענער זייט גרענעץ נאַטור.

דאָס זעלבע איז געשעהן מיט כעמיע. מיר זוכען מעהר ניט קיינע מאַטעריאַלען צו לעבען אייביג אָדער צו פערוואַנדלען אייזען אין גאָלד. מיר זענען געקומען צום שכל, אז עס איז אונמעגליך צו מאַכען פון אונמעגליכעס מעגליך.

מיט רעגירונג איז די זעלבע זאך: מיר אַלע גלויבען, אז די ערלויבניס צו רעגירען און מאַכען געזעטצע, קען נאָר בעגעבען ווערן פון פאָלק פיר וועמען דיזע רעגירונג איז געשאַפען, אָבער ניט פון איין איבערנאַטירליכע קראַפט.

אַזוי האָט מיט דער צייט דער מענש געגעבען א שפרונג פון אֱמונה אויף שכל, פון גלויבען אויף בעגרייפען! ניטאָ די אַמאָליגע יאָהרען, ווען דער מענש האָט געזאָגט בלינדערהייט „באָם" אויף אַלעס וואָס מען האָט איהם דערצעהלט. מיר האָבען געעפענט די אויגען און מיר ווילען מעהר ניט זיין קיין שקלאַף צו באָבע־מעשׂות. מיר האָבען אָנגעפאַנגען צו קוקען פָּנים־אֶל־פָּנים אין דער וואהרע מאָראַל, וואָס איז די בלום פון פרייהייט און די פרוכט דער פון בילדונג:

דער נייער קאַמפף געגען דאָס איבערנאַטירליכע איז אַזוי גרוים, אז פיעלע גייסטליכע האָבען אַדוים געשליידערט אפילו פון רעליגיאָן גופא אַלעס וואָס איז העכער פיר נאַטור, און אויך די פרומע זוכען מעהר ניט צו בעגרייפען דאָס, וואָס מען קען ניט בעגרייפען, און אין דער אמת, וואָס קען מען ערוואַרטען פון א רעליגיאָן וואָס שטעהט נאָר אויף גלויבען אַנשטאָט אויף פערשטעהען מיט'ן אייגענעם שכל?

ווי באַלד אַז יעדע וויסענשאַפט שטעהט אויף נאַטירליכע זיילען, דאַרפען אויך רעליגיאָן און מאָראַל האָבען א פונדאַמענט וואָס איז נאַטירליך, וואָס געהט האַנד אין האַנד מ.ט אונזער פערשטאַנד.

2.

יעטצט איז די פראגע; ווי אזוי קענען מיר אויסבעסערן די וועלט? ווי זאלען מיר אויסמענשלען די מענשהייט?

ווי באלד אז אונוויסענהייט איז פינסטערקייט, איז אלעס וואס מיר דארפען האבען איז אגייסטיגע ליכט וואס זאל אונז בעלייכטען. אבער דיעזע ליכט קענען מיר נאר דאן האבען ווען מיר זאלען איין מאל פיר אלע מאל אננעהמען, אז אלעס וואס קומט פאר אויף אונזער וועלט האט א נאטירליכען פונדאמענט ווי די וועלט אליין, און יעדער מענטש דארף זיין צו יעדער ציים זיין אייגענער משגיח.

ווען דעם מענשען'ס פערשטאנד וועט ענטוויקעלט ווערען אויף אזא ארט, וועט ער קענען אויסמיידען פיעלע סכנות וואס רינגלען איהם ארום, ער וועט קענען זיך ארוסדרעהען פון א רעכט ביסעל אונגליקען וואס לויערען אויף איהם, ער וועט קענען אריבער שפרינגען א סך שטרויכלונגען וואס דער שלים-מזל לייגט איהם אויפ'ן וועג, און ער וועט בעסער פערשטעהן די קראפט פון דער נאטור. ער וועט פלוצלינג אויסגעפינען דיעזע ווארהייט, אז דורך ערפינדונגען און דורך ארבייט קען ער צו יעדער ציים צופריעדען שטעלן די בעדירפניס פון זיין גוף, און דורך בילדונג, שטודיום און מיהע, קען ער זעהר פיעל זעטיגען דעם הונגער פון זיין גייסט.

זאל נאר דער מענטש אויפהערען צו ערווארטען הילף פון איבערנאטירליכע פלעטצער, די ישועה וועט שוין אליין קומען.

ווען דער מענטש וועט זיך אין גאנצען אפקעהרען פון זיינע איבערנאטירליכע חלומות, זאל ער זיך נעהמען צו אלעס וואס ער זעהט אויף דיעזע וועלט אויף וועלכע ער לעבט.

די ערשטע זאך זאל יעדער גוטער מאן און יעדע גוטהערציגע פרוי זיך געבען מיה אויסצוראטען מלחמה, מענשען זאלען אויפהערן מיט די מענשען-יאטקע וואס מיר רופען שלאכט-פעלד, אין בארבארישע לענדער, ווען צוויי מענטשען קענען זיך נים אויס גלייכען, פערלאזען זיי זיך אויף ווילדע קראפט: יעדער פון

זיי בעשליסט פאר זיך אליין וואס איז רעכט און וואס איז אונרעכט.
אבער ציוויליזירטע מענשען גיבען איבער זייערע קריוודעס צום
געריכט אדער זיי פערלאזען זיך אויף מענשען. ווארום זאלען
ציוויליזירטע נאציאנען ניט טהאן די זעלבע זאך? מערקווירדיג!
אונזערע ציוויליזירטע נאציאנען בעהאנדלען זיך איינעמיט די אנדערע
ווי עכט ווילדע, ווי מענשען־פרעסער. יעדע נאציאן בעשליסט
פיר זיך אליין, אז דער יושר איז אויף איהר זייט, אונטערשטיצט
דערנאך דיעזען יושר מיט'ן קאנאן און מיט'ן שווערד. אט איז
מלחמה! טויזענדע מענער מיט גוטע קעפ האלטען יעטצט אין
איין טראכטען ווי צו ערפינדען בעסערע געוועהר וואס זאלען קענען
מעהר פערניכטען מענשען און שטעדט. עס איז שוין אכטצעהן
יאהר־הונדערט זייט מען פרעדיגט מיט'ן מויל, און דאך האלט
מען אין איין קוילען מענשען אין נאמען פון פאטערלאנד.

אייראפא האט היינט פון עלף ביז צוועלף מיליאן סאל-
דאטען, וועלכע זענען גרייט צו געהן זיך לאזען אדער, און די
גרענעצען זענען פערפעסטיגט מען זאל ניט מאכען קיין איבער-
פאל. דער ים איז בעדעקט מיט געפאנצערטע שיפען וואס זענען
אנגעפילט מיט מאטעריאלען פון טויט און צושטערונג. די
ציוויליזירטע וועלט האט זיך אזוי פעראָרימט דורך דיעזע מלחמה-
קאסטען, אז אייראפא איז געווארען א בעל־חוב פיר זעכציג
טויזענד מיליאן רובעל. פיר דיעזע גרויסע סומע מוז מען
נאך צאהלען הויכע פראצענט, און ווער צאהלט די פראצענט?
דער ארבייטער, דער ארימאן, וועלכער מוז זיך ארויסרייסען
דעם לעטצטען ביסען פון מויל אום בייצושטייערן דער
קאזארמע, און צו וועלכען צוועק? זיך צו באדען אין מענשען-
בלוט און פערפלייצען די וועלט מיט יתומים און אלמנות!

אבער דער גרויסער חוב האלט אין איין וואקסען, און
אייראפא האלט ביי באנקראט, ווארום דער גרויסער פראצענט
אליין בעטרעפט ניט ווייניגער ווי 18 מיליאן רובעל יעהרליך!
היינט וויפיעל קאסט אויסצוהאלטען די ארמעעס, די פלאטעס און
די פאבריקען וואס גיבען ארויס די מאשינעס, וועלכע ברענגען
טויט? דאס קאסט מינדעסטענס זעקס מיליאן א טאג! לאטיר

זאָגען, אַז דער טאָג האָלט צעהן אַרבייט'ס שטונדען, קומט עס אויס, אַז קריעג קאָסט אָב דער וועלט 12 מאָהל טויזענד הונדערט רובעל אַ שטונדע, צוואַנציג טויזענד רובעל אַ מינוט!
דאָס אַלעס מוזען מיר בעצאָהלען כּדי מענשען זאָלען זיך איינע די אַנדערע אויסקוילען. שטעלט אייך פאָר וויפיעל גוטעס קען מען טאָהן דער מענשהייט מיט אַזוי פיעל געלד, וויפיעל שולען און אַקאַדעמיעס מען קען דערפאַר האָבען, וויפיעל נויט-ליידענדע מען קען דערפאַר גליקליך מאַכען, וויפיעל הייזער מען קען בויען און ווי פיעל קינדער מען קען בעקליידען פיר אַזאַ ריעזען סומע, וואָס מיר גיבען אַוועק כּדי מיר זאָלען קענען אויספלאַסטערן די פעלדער מיט מענשליכע קנאָכען און אָנפילען די וועלט מיט אונצייטיגע קברים!
ווען מיר ווילען לויז ווערען פון דער בעסטיע — מלחמה, מוזען מיר גרינדען אַ טריבונאַל פיר נאַציאָנען, און יעדע נאַציאָן זאָל נאָר איבערלאָזען אַ קליינעם צאָהל סאָלדאַטען אום צו צווינגען מיט בייזען די יעניגע נאַציאָן, וועלכע וויל ניט אָננעהמען דעם אורטהייל פון טריבונאַל, וואָס וועט מאַכען איין ענדע פון שלאַכט-פעלד.
וועלכער מענש האָט אַזוי פיעל איינבילדונג צו קענען שילדערן די שוואַרצע מלחמה, איהרע שרעקען, איהרע רציחות, איהרע אַכזריות און איהר רויב? שטעלט אייך פאָר, מען גיסט אַריין הייסע בליי אין לעבעדיגע מענשען, וועלכע האָבען קיין פערברעכען געטהאָן. וואָרום שיסט מען זיי? די שיסערס אַליין ווייסען אויך ניט. זיי ווייסען נאָר, אַז ווען דער פויק קלאַפּט און די טרומפייטען שפּיעלען, מוז מען שיסען. עס איז אַ מלחמה.
אָבער לאָמיר צוערשט נאָר אָבשאַפען דיעזע ווילדע חיה, וועלען מיר שוין האָבען געמאַכט דעם ערשטען שריט אויס-צובעסערן אונזער וועלט און מאַכען פון אונמענשען — מענשען, אַז זיי זאָלען קומען צו דער ריכטיגער רעליגיאָן וואָס האָט דיעזען פּראָגראַם: ליעבען גערעכטיגקייט, פערעהרען יושר, האָבען רחמנות, העלפען דעם שוואַכען, פערגעסען שלעכטס און געדענקען גוטס, פערגעטערן די וואַהרהייט, זיין עהרליך, זיך בוקען צו פריייהייט, אויסראָטען אַלעס וואָס פערשקלאַפט דעם מענשען.

ליעבען ווייב, קינדער, פריינדע, שעטצען די היים, פערעהרען אלעס וואס, איז שען אין קונסט און נאטור, ענטוויקלען כסדר דעם פערשטאנד, שליסען בעקאנטשאפט מיט די געדאנקען פון גרויסע לייט, שטודירען העלדענטהאט און לוסטיגקייט, צו־שמעטערן נארישקייט, אומשטירצען די עבודה־זרה פון פאנאטיזמוס, ווארטען אויף זונען־שיין פון יענער זייט שטורם, טהאן דאס בעסטע וואס מען קען — אט דאס איז א רעליגיאן, וואס שטעלט צופריעדען דעם קאפ און דאס הערץ!

---

3.

איך האב אייך בעוויזען וויפיעל אומזיסטע מיליאנען עס קאסט אב דער וועלט בלויז פיר מארד, יעטצט וועל איך אייך ווייזען אנדערע גרויסע סומעס געלד, וואס געהען פערלארען פיר גאר ניט. ווארום זאל איך פון אייך בעהאלטען מיינע געדאנקען? איהר זוכט דאך צו הערען פון מיר די גאנצע וואהרהייט.

איך וועל אייך זאגען אפען, אז נאך דער קאזארמע קומט אונזער קירכע, פיר וועלכע מיר פערצערען שווערע מיליאנען יעדעס יאהר און וואס ברענגען אונז קיין זאך ניט איין. זייט אוראלטע צייטען פערצעהרען די מענשען ריזען סומעס געלד אום איבערצובעטען די געטער און טייוואלים, וועלכע זיי האבען קיין מאל ניט געזעהן.

אבער וואס קריגען מיר פיר דיזע געלד? כמעט אזוי גוט ווי גארניט. די גוטעס, וואס די קירכע טהוט קען מען קוים זעהען דורך א שפאקטיוו. די קירכע ריהמט זיך, אז זי קעמפפט געגען פערברעכען. אבער, וואו איז דער רעזולטאט? די פערברעכענס ווערען ניט וועניגער. דאס זעלבע איז מיט ארימקייט און זינדע געגען מאראל. ניט גענוג וואס מיר פערצערען אזוי פיעל געלד אומזיסט צו מאבען חנ׳רעלעך, דאס איבער־נאטירליבע ביי אונז, שלעפען מיר נאך אוועק יעדעס יאהר מיליאנען אין ווייטע

לענדער צו בעקעהרען אנדערע מענשען צו אונזערע איבער־נאטירליכע חלומות.

אונזערע קירכען וואס קאסטען אב די געמיינדעס אזוי פיעל געלד, זענען דאך א גאנצע וואך געשלאסען, בלויז אין איין טאג פון זיבען איז די קירכע אפען איין טהייל פון דיעזען זיבעטען טאג. נו. וועלכע נוטצען קען די קירכע ברענגען? איהר דארפט וויסען, אז איך מיין ניט מען זאל צושטערען אלע קירכען. איך וויל נאר, אז די קירכע זאל עפעס טהאן פיר דער וועלט.

אין פיעלע קליינע שטעדט פון דריי אדער פיער טויזענד איינוואהנער, געפינען זיך פון פיער ביז פינף פערשיעדענע קירכען, און אפטמאל מעהר. און ווען איהר פרעגט צו וואס מען דארף אזוי פיעל קירכען אין אזא קליין שטעטיל, ענטפערט מען אייך, אז יערע קירכע האט איין אנדער נוסח מיט אנדערע מנהגים, די קירכע איז צושפרונגען געווארען. יעדע פון דיעזע קירכע שווערט ביי איהר אייגענעם גאט, אז די אנדערע קירכען געהען אין דער פינסטער, בלויז זי געהט אין ריכטיגען וועג.

דיזע אלע חברות רייסען זיך און מיר בעצאהלען דערפאר, זיי רייסען זיך ווי קעטץ־און־מייז, נאר אין איין זאך זענען זיי אלע איינשטימיג: זיי פרעדיגען אלע מורא — זיי שרעקען די מענשהייט מיט אלערליי שוידער־האפט פאנטאסטישע בילדער נאכ'ן טויט, און פיר דיעזע מורא בעצאהלען מיר.

מורא איז א שעדליכער ארטיקעל וואס מאכט שוואך אונזער געהירן, דער פראגרעס קען נאר געבארען ווערען פון קוראזש, ניט פון שרעק. מורא גלויבט, קוראזש צווייפעלט. מורא פאלט אויף די קניע און בעטילט רחמנות, אבער קוראזש שטעהט גראדע און דענקט. מורא ציהט זיך, קוראזש געהט פארווערטס. מורא איז בארבאריי, קוראזש איז ציוויליזאציאן. מורא גלויבט אין כשוף, אין שדים, אין רוחות, קוראזש איז ליכט און וויסענשאפט!

ווי באלד אז מיר האבען יא קירכען, ווארום זאלען מיר ניט זעהן צו מאכען פון זיי ניטצליכע טעמפלען? א שטאדט וואס בעשטעהט פון פיער אדער פינף טויזענד איינוואהנער, דארף האבען בלויז איין קירכע, אבער מען זאל פון איהר מאכען אזא

מיַן אַנשטאַלט וואָס זאָל ברענגען גוטעס דער געמיינדע. אין אַ קירכע דאַרף זיך געפינען די ביבליאָטהעק פון שטאָדט, דער קלוב פון יונגע לייט און פון עלטערע מענשען, וועלכע זאָלען דאָרט געפינען די הויפּט צייטונגען און מאָנאַטליכע שריפטען. די קירכע דאַרף אויסזעהן ווי אַ טהעאַטער, וואו מען זאָל קענען פאָרשטעלען פיעסען פון היימישע טאַלענטען, וואו מען זאָל קענען אויפשטעלען איין אָרקעסטער פון היימישע מוזיקער און שטודירען דיעזע קונסט, די פּרינצעסין פון אַלע שענע קינסטע. אַלע פון שטאָדט דאַרפען דאָרט צוזאַמענקומען, ניט איין מאָל אין וואָך, נאָר יעדען טאָג, און אויך די פרויען זאָלען דאָרט ערשיינען מיט זייערע שטריק־שפּיזלען און מיט זייערע העקיל־נאָדלען.

אָט אַזאַ הויז וואָלט געווען אַ ציערונג פיר אַ געמיינדע. פיר אַזאַ הויז, אַ וואַהרער טעמפּעל פון די מענשהייט וואָס זוכט ליכט, פאַסט זיך אָבער איין אַנדער סאָרט גייסטליכער. ער דאַרף זיין אַ מאַן מיט קענטניס וואָס זאָל ווירקליך קענען דערצעהלען יעדען זאָנטאַג זיין געמיינדע דאָס, וואָס דער עולם וויל הערען, דאָס וואָס קען רייכער מאַכען זייער גייסט. די געמיינדע דאַרף זאָגען צו דיעזען גייסטליכען אַזוי:

— מיר זענען בעשעפטיגט יעדען טאָג מיט אַרבייט די גאַנצע וואָך. אין דער צייט ווען מיר אַרבייטען ביי אונזער פּראָפעסיאָן און געשעפט, ווילען מיר, אַז איהר זאָלט אַ גאַנצע וואָך אייך בעשעפטיגען מיט די שווארצע פינטעלעך און שטודירען: מיר ווילען אַז זאָנטאַג זאָלט איהר אונז דערצעהלען, וואָס איהר האָט אויסגעפונען אין די זעקס טעג, וואָס איהר האָט שטודירט.

ווען די קירכע וואָלט געווען אויף אַזאַ אַרט, וואָלטען מיר מיט דער צייט געהאַט דאָס קליגסטע פאָלק.

הערט, מיינע פריינדע: וואָס זאָלען מיר זיך נאַרען? דער עולם איז שוין קראַנק הערענדיג די אַלטע פעשימעלטע באָבע־מעשׂות פון גלחים און גייסטליכע וואָס נעהמען פּסוקים און מאַכען זיי פיר קאַליקעס. דער עולם האָט שוין לאַנג פערלאָרען אמונה אין די קינדישע חלומות, מיט וועלכע מען האַקט אונז אַ קאָפּ.

עס איז ניטאָ קיין גרעסערע פינסטערקייט ווי אונוויסענהייט, און
עס איז ניטאָ קיין גרעסערע ליכט ווי בילדונג.

מיר מאַכען אַ טריט פאָרווערטס יעדעס מאָל וואָס מיר קענען אויסבייטען אַ טעות אויף אַ פאַקט און אַ ליגען אויף אַן אֱמֶת. מיר מאַכען רייכער דעם פערשטאַנד פון דער וועלט — און נאָר אויף אַזאַ אַרט קענען מיר לייגען דעם פונדאַמענט פון הַצְלָחָה, און ציוויליזאַציאָן!

איך האָב חָלִילָה צו קיינעם קיין טַעֲנָה'ס און איך מאַך קיינעם קיינע בִּלְבּוּלִים. איך גיב צו אַז אונזער וועלט האָט גע-טהאָן וואָס זי האָט געקענט. איך ווייס נאָר ווי זי קען בעסער-טהאָן.

נאָר ווען מיר וועלען האָפען אין דער צוקונפט, מוזען מיר צו ערשט וויסען ווי צו פערשטעהן די געגענוואַרט, דעם יעצט.

מיר דאַרפען ניט זוכען צו ערקלערען דאָס, וואָס מיר קענען ניט ערקלערען, נאָר דאָס וואָס ליגט אין אונזער מאַכט צו בעגרייפען דורך בילדונג. מיר דאַרפען זיין פריי אויסצו-שפּרעכען אונזער מיינונג איבער אַלע פראַגען, און וועניגסטענס די געדולד האָבען אויסצוהערען די מיינונג פון דעם, וואָס דענקט ניט אַזוי ווי מיר. ווי גיך מיר צו קאָכען זיך אין רעליגיאָן זאַכען ווען איינער האָט חָלִילָה איין אַנדער מיינונג ווי מיר, פונקט ווי מיר וואָלטען געוואוסט מעהר ווי ער וועגען זאָלכע רעטענעסען, וואָס זיינען פון יענער זייט גרענעץ נאַטור,

לאָמיר דאָך וועניגסטענס זיין עהרליך מיט זיך אַליין. מיר זיינען אַרומגערינגעלט אַרום יעדען טריט מיט רעטעניִשען און געהיימניסע אויף וועלכע מיר קענען נאָר הייבען די שולטערן. מיר שטעהען אונטער אַ גרויסען בלויען דאַך, וואָס מיר רופען הימעל, אויסגעפּלאַסטערט מיט מיליאַרדען שטערען. מיר ווייסען אַז יעדעס קערנדיל זאַמד, יעדע בלעטעלע, יעדעס גרעזעלע פרעגט אונז אַזעלכע פראַגעס אויף וועלכע מיר קענען קיין ענטפער געפינען. מיר זעהען אַרום אונז פון אַלע זייטען נאַטור'ס גרויסען פראַגע־צייכען. טאָ לאָמיר דאָך וועניגסטענס האָבען דעם קוראַזש

זיך מודה צו זיין, אז אונזער פערשטאנד האט א גרענעץ — ביז אהער און ניט ווייטער! לאמיר זיך ניט שעהמען ארויס צו זאגען גאנץ הויך די ווערטער:

„מיר וויסען ניט“.

די היים איז די זעלע פון אונזער נאציאן, וואס מעהר היימס מיר האבען, איז אלץ אונזער נאציאן שטארקער.

מיר דארפען טהאן אלעס וואס מיר קענען, אז מיר זאלען ניט זיין א נאציאן פון טענענטס;*) מען זאל אונז ניט צנזאמען פאקען אין קאזארמעס וואס מען רופט טענעמענט־הייזער**) מען זאל אונז ניט פערדינגען שטיקלעך לאנד, נאר יעדער איינער זאל האבען זיין היים, זיין גערטיל און זיין שטיקעל לאנד.

מיר האבען שוין געמאכט א קליינעם טריט צו האבען א היים. מיר האבען געשאפען פיר איינינע שטאאטען א געזעץ וואס מיר רופען Homestead exemptions דאס הייסט, אז יעדער וואס האט א היים פון א געוויסען ווערט, זאלען בעלי חובות עס ניט קענען צונעהמען; און געריכט האט קיין רעכט עס צו פערקויפען. דיעזע געזעטץ האט פארלויפיג שוין אזו פיעל גוטעס געטהאן, אז מיר האבען יעצט דריי מאל אזו פיעל היימס ווי פריהער.

אבער, איך וועל געהן א טריט ווייטער: מיין וואונש איז, אז מיר זאלען לויז ווערען פון די מכה וואס הייסט טענעמענט־הויז, די הפקר חורבה וואס מאכט פאמיליען־לעבען הפקר. זאל יעדער האבען זיין היים, זיין הייליגטהום וואו ער פיהלט אז ער איז נאטורס א שותף. יעטצט אז מיר האבען אזוי פיעל טראם־וויים און אייזענבאהנען וואס ברענגען אזוי שנעל און ביליג אויסערהאלב די גרויסע שטעדט, איז קיין ברעקיל ענטשולדיגונג ווארום מיר זאלען ליגען צוזאמענגעפרעסט אין גרויסע שטעדט אין שמוטציגע אונגעזונטע טהיילען פון שטאדט, וואו דער בלות הארעוועט שמאטעס און די שמאטעס בעקינדלען זיך מיט

*) טענענטס הויז הייסט אין איינגליש די גרויסע געביידען וואו עס איז דא קליינע וואהנונגען פיר ארעמע ארביטער.

**) דאס זעלבע וואס טענענטס.

אַלטְרלייַ מַגֵיפות און עֶפּידעֶמִיעֶס. ווארום זאָלעֶן מיר אִימעֶר זוכעֶן צו ליִעגעֶן אין רִינשטאָק פון אונצוכט און שמוטץ? קאַפּיטאַל האָט נאָךְ פאָרלויפיג ניט מאַנאָפּאָליזירט די פרייַעֶ לופט און דעֶם געֶזאַנג פון די פייַגעֶלעֶך.

אום אויסצובעֶסעֶרעֶן אונזעֶר וועֶלט וואָלט איך ווינשעֶן נאָך אַ זאַך.

מיר ווייסעֶן אַלעֶ, אַז עֶס האָט געֶדויעֶרט פיעֶל דורות, ווען מעֶנשעֶן זעֶנעֶן געֶוועֶן פעֶרשקלאַפּט אין קנעֶכטשאַפט, און מיר ווייסעֶן אויך, אַז דיזעֶ גאַנצעֶ צייַט זעֶנעֶן די פרויעֶן געֶוועֶן פעֶרשקלאַפּט צו די פעֶרשקלאַפּטעֶ מעֶנעֶר — דאָס הייסט; זיי זעֶנעֶן געֶוועֶן שקלאַפעֶן צו שקלאַפּעֶן. עֶס איז אָבעֶר זעֶהר וויכטיג פיר די גאַנצעֶ מעֶנשהייט, אַז פרויעֶן זאָלעֶן האָבעֶן זייעֶר פרייַהייַט. עֶס איז אֱמֶת, אַז חוּפָּה וְקִדוּשִין איז דעֶר הייליגסטעֶר קאָנטראַקט, וואָס מעֶנשעֶן קעֶנעֶן מאַכעֶן. אֱמֶת אַז די חוּפָּה איז אַ גרויסעֶ זאַך פיר וועֶלכעֶ מעֶן דאַרף בייגעֶן דעֶם קאָפּ מיט רעֶספּעֶקט. אָבעֶר די צעֶרעֶמאָניעֶ פון חוּפָּה איז נאָך ניט חֲתוּנָה, עֶס איז נאָר אַ צייכעֶן, אַז אין צוויי העֶרצעֶר ברעֶנט איין פלאַם, אַז צוויי זעֶעלעֶן זעֶנעֶן פעֶראייניגט דורך דעֶם קנופּ פון ליעבעֶ. אָבעֶר ווען זיי האָבעֶן ניט ביידעֶ קיין אֱמֶת'עֶ ליעבעֶ איינעֶר צום אַנדעֶרעֶן, האָט דאָך די חוּפָּה קיין שום וועֶרט. איך גלויב אַלזאָ אַז אַ חֲתוּנָה איז קיין פּריוואַט זאַך, נאָר פּאָבליק, און דעֶר קאָנטראַקט צווישעֶן מאַן און ווייב, צוויי שוּתָּפִים אין לעֶבעֶן, דאַרף אויפבעֶוואַהרט וועֶרעֶן ווי אַלעֶ פּאָבליק דאָקומעֶנטעֶן.

דעֶר אונגליק איז וואָס אַזוי פיעֶל מעֶנשעֶן מיינעֶן, אַז די חוּפָּה האָט ניט צו טהאָן מיט געֶגעֶנזייטיגעֶ ליעבעֶ, נאָר מיט „באַשעֶרט" און אַז אֲפִילוּ ווען מעֶן טרעֶפט ניט מיט'ן שִידוּךְ דאַרף מעֶן אויך בלייַבעֶן פעֶראייניגט ביז'ן קֶבֶר. עֶס איז ניטאָ וועֶר עֶס זאָל לאַכעֶן! ווען אַלעֶ וועֶלכעֶ האָבעֶן געֶהייראַטהעֶט ווייַל עֶס איז זיי „באַשעֶרט" אַזוי פון איין איבעֶרנאַטירליכעֶ קראַפט, מוזעֶן מיר צוגעֶבעֶן אַז דיזעֶר באַשעֶרטעֶר העֶלד איז אַ טרויעֶריגעֶר שדְכָן, אויף וועֶמעֶן מיר קעֶנעֶן זיך גאַנץ וועֶניג פעֶרלאָזעֶן.

אָה נײַן, דער „באַשערטער" שַדְכָן קען גאָר ניט טהאָן ווען רײַנע ליעבע איז אויסגעשלאָסען פון דער חוּפָּה.

ליעבע, די רײנע מענשליכע ליעבע פון מאַן און פרוי, פאָטער, מוטער און קינדער, איז די אײביגע קראַפט, די זעעלע פון אונזער זינדיגע מענשהײט. ניט די ליעבע צו גײסטער און רוחות, ניט די ליעבע וואָס בויעט קירכען און געפענגניסע, ניט די ליעבע וואָס וואַרפט צאָהן אָן צאָהן פאַר מורא, ניט די ליעבע וואָס בענטשט און שילט — נאָר די רײנע ליעבע, די אֶמֶת'ע ליעבע וואָס האַקט דורך וועלדער, וואָס שפּאַלט ים'ען, וואָס בעהערשט די ערד, וואָס גרינדעט נאַציאָנען, איך מײן די ליעבע וואָס צינדט אָן אין מענשען די הײליגע פלאַם צו שאַפען אַלעס וואָס איז גוט און שעהן, מיט אײן וואָרט די וואַהרע אײנציגע ליעבע וואָס איז די מוטער פון אַלע מַעֲשִׂים טוֹבִים און פון די בּיסעל רײנע עוֹלָם־הַזֶה וואָס איז געגעבען געוואָרען צום מענשען זאָלאַנג ער האַלט זײַנע אויגען אָפען.

חֲתוּנָה איז נאָך אַלעמען אַ קאָנטראַקט און בײדע צְדָדִים מוזען זעהען צו האַלטען זײערע פערשפּרעכונגען ניט צו ברעכען דעם קאָנטראַקט. זײ מעגען נאָר דאַן זיך בעפרײַען פון קאָנטראַקט, ווען די זיכערהײט פון דער געזעלשאַפט איז אין געפאַהר; דען ווען עס ווערט אונמעגליך פיר מאַן און ווײַב צוזאַמען צו זײַן, דאַן מוזען זײ זיך שײדען וואָס גיכער, כְּדֵי זײ זאָלען ניט אויפהאָדעווען אַ דוֹר פערברעכער. ווען קינדער מוזען צוזעהען ווי טאַטע מאַמע שלאָגען זיך, אָדער שילטען זיך, קען מען שוין אויך פון זײ קײן גוטעס ערוואַרטען.

איך וואָלט וועלען אַזאַ געזעטץ, אַז יעדער מאַן זאָל קענען קריגען אַ גֵט פון זײַן ווײַב, ווען ער קען נאָר בעווײזען אַז זי ברעכט דעם קאָנטראַקט. איהר זאָלט מען געבען אַ קאָנטראַקט ווען זי פערלאַנגט עס נאָר. מען טאָר ניט צווינגען אַ פרוי צו לעבען מיט אַ מאַן ווען זי קען ניט לײַדען. דאָס איז אַ מין שקלאַפערײ וואָס מען מוז אָבשאַפען.

ווי איהר זעהט, מאַך איך אַ חִילוּק צווישען מאַן און ווײַב. איך וועל אײך זאָגען פאַר וואָס איך בין שטרענגער מיט איהם

מעהר ווי מיט איהר: אַ פרוי ברענגט אַריין נָדן צו איהר מאַן, איהר יוגענד און שעהנקייט. ער דאַרף אַלזאָ קיין רעכט האָבען איהר איבערצולאָזען ווען זי פערלירט איהר יוגענד און ז. וו. ווייל איהר קאַפּיטאַל איז דאָך אַוועק און זי האָט מעהר קיין נייע נָדן פיר אַ צווייטען מאַן. אָבער אַגרוש קען אימער האָבען מעהר געלעגענהייט צו טרעפען וואָס ער זוכט. ער דאַרף אַלזאָ ניט האָבען קיין רעכט זיך אָבצושאָקלען פון זיין ווייב, סיידען זי האָט דעם קאָנטראַקט געבראָכען, אָבער זי זאָל יאָ מעגען לויז ווערען פון איהם ווען זי פערלאַנגט עס, אום זי זאָל ניט צושטעלען פיר דער וועלט אַ דור פערברעכער — פרוכט פון אַ פערשקלאַפטע מוטער.

מיר קענען ניעמאַלס ערוואַרטען אַ דור פון גרויסע לייט, זאָלאַנג מיר האָבען ניט אַ דור פון פרייע מוטערס.

דער שעהנסטער וואָרט אין מענשען'ס שפּראַך איז „מוטער".
אין דיעזען וואָרט ליגט אַ געטליבע צוזאַמענמישונג פון פרייד און שמערץ, ליעבע און לייד. דיעזער וואָרט מאַכט הייליג אונזער ווערטער־בוך.

---

4.

יעצט לאָמיר קומען צו דער ארבייטער פראַגע.

די וועלט בעשעפטיגט זיך יעטצט מיט דער מַחְלוֹקה צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט. מען האָט פאָרגעלייגט פערשיעדענע פּלענער צו פערענטפערן דיעזע אַרבייטער פראַגע, וואָס לאָזט קיינעם ניט רוהען, אָבער אַלע פּלענער האָבען קיין מַמָשות ניט. איך דענק אַז דיעזע פראַגע קען גאָר דאַן פערענטפערט ווערען ווען קאַפּיטאַליסטען און אַרבייטער וועלען ציוויליזירט ווערען. די פראַגע איז אַזוי פערפּלאָנטערט, די עקאָנאָמישע רעטענישען זענען אַזו צוזאַמענגעפלאָכטען איינע אין די אַנדערע, אַז עס איז אונמעגליך צו דערגעהען אַ טאָלק דורך געזעטץ אָדער דורך געוואַלט. דער אַרבייט־געבער אָדער פאַבריקאַנט ווי מען רופט

איהם, זאָגט, אַז ער צאָהלט זיינע „הענד" לויט זיין פערדינסט וואָס ער מאַכט אָן זיי. מעהר קען ער ניט צאָהלען. עס קען זיין אַז עס איז אֱמֶת און עס קען זיין אַז ניט, דען מיר דאַרפען ניט פערגעסען, אַז קאָנקורענציע איז דער מַלְאַךְ הַמָּוֶת פון פַּרְנָסָה. דער קאַפּיטאַליסט מוז דאָך האַלטען אין שפּיאָנירען, אַז זיינע קאָנקורענטען, די אַנדערע קאַפּיטאַליסטען, זאָלען איהם ניט איינשלינגען דורך וואַרפען פּרייזען. דער אַרבייט־געבער איז אַלזאָ אונטערוואָרפען אונטער אַנדערע אַרבייט־געבער פונקט ווי זיינע אַרבייטער זענען אונטערוואָרפען אונטער איהם.

דער אַרבייט־געבער קען ניט אַליין שאַפען די פּרייזען אויף די אַרטיקלען וואָס ער פאַבריצירט. ער קען אויך ניט בעשטימען ווי גרויס דער אָבגאַנג פון זיינע אַרטיקלען זאָל זיין אויפ'ן מאַרק. זיינע אייגענע „הענד" זענען אַלזאָ אָפּט געבונדען פונקט ווי די „הענד" פון די, וועלכע אַרבייטען פיר איהם. אָבער דאָס איז קיין ענטשולדיגונג אַז די יעניגע וועלכע מאַכען אַלעס און האָבען אַליין גאָר ניט, אַז די אַרבייטער וועלכע שאַפען דאָס רייכטהום פון לאַנד מיט זייער אַרעם, זאָלען זיין אָנגעוויעזען אויף אַזעלכע קלעגליכע בעלאָהנונג און זיך טרינקען זייער גאַנצען לעבען אין אַ יַם עלענד.

ווען דער אַרבייטער געהט אַרום לעדיג בלויז צוויי וואָכען, ווען די רעדער פון דער פאַבריק שווייגען בלויז איניגע טעג, איז ער באַלד געצוואונגען צו הונגערן מיט זיין גאַנצע פאַמיליע. און ווען עס שטאַרבט ביי איהם אַ קינד אין ענגען טענעמענט־חורבה, האָט ער אֲפִילוּ ניט מיט וואָס צו בעגראָבען דעם קליינעם טויטען — ער האָט ניט מיט וואָס צו בעהאַלטען דאָס שטיקעל היילִיגע פלייש, וויַיל אויך קְבָרִים קאָסטען טהייער אין אונזער ציוויליזירטער וועלט!

אָבער ווען עס וועט קומען אַ צייט, אַז דורך אויפקלערונג און ליכט, זאָל דער קויפער וועלען בעצאָהלען פיר איין אַרטיקעל וויפיעל עס האָט די ווערט און דער פאַבריקאַנט זאָל בעצאָהלען זיינע אַרבייטער וויפיעל זיי פערדינען, וועט דער אַרבייט־געבער נאָך ציוויליזירט ווערען אַמאָל אַזוי וויַיט איינצוזעהען, אַז ער דאַרף ניט זוכען קיינע גליקען אין אַרבייטערס

אונגליקען, אז ער טאר ניט גליקליך ווערען פון דעם אָרימאַן'ס ערענד, פון זיין הונגער, פון זיינע שמאַטעס און פון זיין דלות? ווען וועט אַ מאָל דער קאַפּיטאַליסט זאָגען:

— איך מוז צאָהלען דעם, וועלכער אַרבייט פיר מיר, ער זאָל האָבען גענוג פיר זיין ווייב און קינדער, און ער זאָל אויך קענען עפּעס אָבּוואַרפען פיר זיך און זיין פאַמיליע ווען די עלטער קומט אָן, ווען דער ווינטער פון זיין לעבען קלאַפּט אין זיין טהיר און זאָגט איהם, אַז די זונן האַלט ביים אונטערגעהן?

קאַפּיטאַל קען קיין זאַך ניט טהאָן אָהן אַרבייט, און אַלעס וואָס מיר האָבען אויף דער וועלט, איז דאָך די פּרוכט פון אַרבייט. דער אַרבייטער בעצאָהלט אַלע אויסגאַבען וואָס דער קאַפּיטאַליסט מאָנט און עס בלייבט זיך גליך, אויב מיר לייגען אַ טאַקסע אויף לוקסוס אַרטיקלען אָדער אויף די נעטהיגע אַרטיקלען פון לעבען — בעצאָהלט אַלץ דער אַרבייטער יעדען גראָשען, ער בעצאהלט עס מיט'ן שווייס פון זיין געזיכט.

נור פּונקט אַזוי ווי דער אַרבייטער ווערט פון טאָג צו טאָג קליגער, אַזוי ווערט דער אַרבייט-געבער מעהר ציוויליזירט, מעהר גוטהערציג, און מער ווי איין מיליאָנער גיבט אָב פיר צדקה אויף דער עלטער די מיליאָנען וואָס ער האָט געזאַמעלט אין דער יוגענד! דאָס איז שוין אַ בעווייז ווי דער קאַפּיטאַליסט פאַנגט אָן פיהלען, אַז די מיליאָנען וואָס ער האָט געמאַכט פון אַרבייטער'ס פּראַצע, איז ניט אין גאַנצען זיינע. ער לאָזט עס דאַרום איבער פיר שולען, אוניווערזיטעטען, פּאַרקס, און אַנדערע זאַכען צו דערקוויקען דעם קערפּער און גייסט פון דיעיעניגע, וועלכע ווייסען ניט ווי צו קעמפּפען געגען שלים-מזל. דאָך וואָלט בעסער געווען, ווען דיעזע גרוסע נדבות זאָלען בעסער געהן דירעקט צו די לייטע וואָס האָבען עס פערדינט.

איך דענק אַלזאָ, אַז ווען מיר וועלען ווערען אויף אַ'ין אמת ציוויליזירט, וועלען די גרויסע געזעלשאַפטען זעהע צו פּערזאָרגען דיאיעניגע, וועלכע האָבען געגעבען זייערע בעסטע יאָהרען ריך צו מאַכען פּרעמדע. מיין וואונש איז, אַז די באַהן-קאָמפּאַניעס זאָלען געבען אַ פּענסיע צו זייערע אויסגעדינטע

בעדיענטע, ווען זיי ווערען אלט, ווען זיי קריגען בית־עולם בלעטלעך אין זייערע האר! — ווען מען האלט איין ארבייטער זאלאנג ער האט כח און דערנאך שיקט מען איהם אוועק אין הקדש פון ארימע לייט, דאן איז דאס אקוראט ווי מען קוועטשט אוים א לימאן און מען ווארפט עס אוועק. אבער טויזענד מאל וועה, דער ארבייטער האט עס ניט פערדיענט!

אה ניין, די גרויסע געזעלשאפטען, קאמפאניעס טארען עס ניט טהאן — זיי מוזען אין זינען האבען די אונגליקליכע, וועלכע האבען געבראכט א קרבן זייער לעבען אויף'ן מזבח פון קאפיטאל, און זיי טארען ניט טראמפלען אויף דיעיעניגע וועלכע האבען געלייגט דעם פונדאמענט פון זייער רייכטהום. זאל דאס גאנצע פאלק פראטעסטירען, ווען דיזע קאמפאניעס קוועטשען אוים די זאפט פון יוגענד אום רייך צו ווערען, און ווארפען דערנאך אוועק דעם צובראכענעם אלטען מאן, אזוי ווי דער מלאך־המות האט אנגעזייעפט זיינע האר פון קאפ!

איך מיין ניט אז דער ארבייטער זאל לעבען אויף זיינע אלטע יאהרען פון צדקה, אה ניין! א מענש וואס האט נאר געארבייט צעהן יאהר כסדר האט בעדארפט לעבען אויף דער עלטער לייטען גלייך, גאר אהן ארבייט, ווען ער וואלט נאר עהרליך בעצאהלט געווארען. איך גלויב ניט פיעל אין צדקה וואס דערנידריגט ביז דער ערד דעם נעהמער און דערהויבט מיט שטאלץ ביז'ן הימעל דעם געבער. בעסער אביסעל וועניגער צדקה און מעהר יושר. לאמיר צו ערשט אבגעבען דעם ארבייטער וואס עס קומט איהם און דערנאך וועלען מיר רעדען פון צדקה, פון מתנות.

יא, זאל די וועלט מעהר ציוויליזירט ווערען, ניט נאר די קאפיטאליסטען, נאר אויך די ארבייטער זאלען קריגען מעהר פערשטאנד און נאר פערלאנגען דאס וואס זיי קומט, און זיי זאלען זיך ניט לאזען איינרעדען פון זייערע פיהרערס צו פערלאנגען דעם טעלעריל פון הימעל.

אויך דארפען די ארבייטער ווערען מעהר ציוויליזירט און בעסער אויפגעקלערט, אום זיי זאלען וויסען, אז זייער ירושה

קען נאָר דאַן קומען, ווען זיי געהען האַנד־אין־האַנד צוזאַמען.
ווען די אַרבייטער וואָלטען דאָס פערשטאַנען, וואָלטען זיי מעהר־
בעלוינט געוואָרען פיר זייער אַרבייט. אָבער ביז יעטצט זענען
אַלע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָנען דורכגעפאַלען, ווייל עס פעהלט:
זיי ערשטענס, די אֱמֶת'ע פעראייניגונג, און צווייטענס, מעהר
סימפּאַטהיע פון פּובליקום, דערפאַר וואָס זיי ווייסען אָפּט אַליין
ניט וואָס צו פערלאַנגען.

אום זיי זאָלען קענען זיין בעסער פעראייניגט און מעהר־
וויסען וואָס זיי ווילען, איז נעטהיג זיי זאָלען צוערשט ווערען
גענוג געבילדעט און אויפגעקלערט, אום צו בעגרייפען זייער־
מאַכט און אויך אום צו זיין מעהר עהרליך אין זייערע פאָדערונגען.

איבעריגנעס, מען האָט שוין פאָרלויפיג אַזוי פיעל געטהאָן:
פאַר'ן אַרבייטער, אַז איך האָב האָפנונג אין דער צוקונפט פיר־
נאָך בעסערעס. די אַרבייטס־שטונדען זענען פאָרלויפיג שוין אָב־
געקירצט געוואָרען אין פיעלע לענדער, און ניטאָ די יאָהרען ווען
מען פלעגט אַרבייטען טעגליך פון 15 ביז 16 שטונדען. אָבער,
דאָס איז נאָך ניט גענוג, מען מוז נאָך מעהר פערקירצען די־
אַרבייטס־שטונדען.

ווילט איהר וויסען וועלכע פאָרטשריט דער אַרבייטער האָט:
געמאַכט? אָט איז עס: אין 1860 האָט איין אַרבייטער פערדיענט:
יעדעס יאָהר דורכשניטליך 285 דאָלאַר, און יעטצט פערדיענט:
ער יעהרליך 500 דאָלאַר. דערצו דאַרפט איהר ניט פערגעסען,
אַז הייַנט קריגט איהר פאַר'ן דאָלאַר מעהר שפּייז, מעהר קליידער
און מעהר אַרטיקלען וואָס מען דאַרף האָבען צו לעבען ווי אין
1860. דיזע פאַקטען אַליין זענען שוין פול מיט האָפנונג, אַז:
די אַרבייטער פראַגע געהט פון בעסער אויף בעסער, און דאָס:
בילד איז גאָר ניט אַזוי שוואַרץ ווי מאַנכע מאָלען עס. דיזע־
שוואַרץ־מאָלערס זענען געוועהנליך דיאיעניגע וואָס זענען געבאָרען:
צו קרעכצען. זיי שטעהען אויף מיט „אַ ק ל אָ ג צ ו ד ע ר־
ו ו ע ל ט" און לייגען זיך שלאָפען מיט „מ י ש ט י י נ ס ג ע ז אָ ג ט"
אויף זייערע ליפּען. אַלעס איז ביי זיי אַזוי שוואַרץ, פונקט ווי
די גאַנצע וועלט וואָלט געווען אַ נעסט פון באַנדיטען, וואָס:

האָבען קיין בעסערע פערגניגען ווי צו זעהען פרויען מיט לעדיגע מאָגענס און קינדער מיט בלאסע ליפען.

אונזער סימפּאַטהיע דאַרף אימער זיין מיט די מענער וואָס אַרבייטען, מיט די פרויען וועלכע אַרבייטען פיר זיך און זייערע קינדער. אַרבייט איז דער פונדאַמענט פון אַלעם וואָס מיר געניסען, און די יעניגע וועלכע אַרבייטען, זענען די מעכטיגע זיילען וואָס האַלטען אויף די גאַנצע געביידע פון דער מענשהייט און דעם גאַנצען טהורם פון ציווילזאַציאָן!

---

## 5.

מיר האָבען אָנגעוויזען ביז דיזען קאַפּיטעל גענוג זאַכען וואָס מיר דאַרפען שאַפען און אָבשאַפען, אום אוים צו בעסערן די מענשהייט. אָבער די הויפּטזאַך איז די ערציהונג פון אונזערע קינדער. מען דאַרף לערנען יעדעס קינד אַליין צו קענען זיך ערנעהרן, ווען עס ווערט גרוים, און אויסמיידען אַ מענשליכע הילף ווי דעם טויט. מען דאַרף זיי ערקלעהרען, אַז די שעהנסטע תּפלה איז, ווען מען אַרבייט צו מאַכען אַ לעבען. זאָלען קינדער וויסען ווי צו געברויכען זייערע געפיהלען, זייער פערשטאַנד און אויך זייערע הענד, זיי זאָלען וויסען ווי זיך צו בעגעהן מיט אַרבייטס אינסטרומענטען.

וואָרום זאָל מען פערברענגען די בעסטע קינדישע יאָהרען צו לערנען דאָס וואָס ברענגט קיינע נוטצען? וואָרום זאָל מען זיי פּלאָגען מיט טויטע שפּראַכען און מיט היסטאָריע וואָס איז ניט מעהר ווי אַ ליסטע פון פּאַסירונגען וואָס האָבען קיין מאָל פּאַסירט? עס איז שאַדע די צייט אָנצופילען די געדאַנקען פון קליינע קינדער מיט דאַטומס פון גרויסע מלחמות, מיט דעם געבורט און טויט פון קעניגע און פּרינצען.

זאָל מען דאָך אויפהערן קלאַפּען אַ קאָפּ אונזערע קינדער אין שולע מיט טרוקענע אויסגעוועבטע פאַקטען, מיט באָבע-

מַעֲשׂות פון געטער און קעניגע, פון פרינצען און היילִיגע. זאָל מען זיי בעסער לערנען די פילאָזאָפיע פון דער היסטאָריע, ווי נאַציאָנען וואַקסען, ווי גרויסע דענקער ענטוויקלען זיך און ווי די וויסענשאַפט בליהט.

עס איז ניט גענוג וואָס מען לערענט קינדער ווי צו זיין עהרליך אין געשעפט צו זיין אָרדענטליך מיט ציפער. זיי זאָלען אויך עהרליך זיין אין זייער בענעהמונג, עהרליך אין זייערע מיינונגען. אָבער, אום איינצופלאַנצען ריינע עהרליכקייט אין קליינע קינדער, מוזען זיי האָבען פון וועמען זיך צו לערנען. זוען דער טאַטע איז אַ היפּאָקריט, אַ מאַן וואָס זאָגט דאָס, וואָס ער מיינט ניט — קען ער ניט ערוואַרטען, אַז זיינע קינדער זאָלען אויסוואַקסען אַ מוסטער פון עהרליכקייט. דאָס עפּעלע פאַלט ניט זווייט פון דעם בוים.

דער לעהרער זאָל נאָר דערצעהלען די קינדער דאָס, וואָס ער ווייס, ניט דאָס וואָס ער גלויבט. זאָל אַ קינד זיך לערנען דענקען, און ניט גלאַט זאָגען „באָם“.

אַ גוטע און געזונטע ערציהונג קען פערטרייבען פערברעכען און נויט פון דער וועלט, ווייל די שולע איז דער וואַהרער טעמפּעל, און וויסענשאַפט דער איינציגער — אָרון קודש פיר די מענשהייט.

קיין געזעטץ אויף דער וועלט קען ניט מאַכען דעם מענשען קליגער אָדער בעסער. ווען מען האָט נאָר מורא פאַר'ן „מען־טאָר־ניט“ טויג ניט, ווייל דאָס איז דער שטן פון פערזענליכע פרייהייט, מען מוז לערנען די קינדער, אַז מען טאָר ניט וועלען, וועט די געזעטץ פערשפּאָרען צו פערבאָטען. עס איז זעהר שלעכט ווען מיר מוזען אָנקומען צו אַ געזעטץ וואָס געהט בּיד חֲזָקָה, ווייל עס איז בעסער פיר דער וועלט זי זאָל זיך צוריק אומקעהרן צו איהר אַלטע ווילדקייט, זי זאָל בעסער פערלירען די בלומען פון קונסט און ערפינדונג איידער צו פערלירען די פרייהייט וואָס איז דאָס לעבען פון אַלע לעבעדיגע זאַכען, פונקט ווי די זונן.

מיר מוזען אָבשאַפען די טויט־שטראָף און אַלע באַרבאַרישע שטראָפען, ווייל עס איז געגען לאָגיק, אַז גערעכטיגקייט זאָל נעהמען נְקָמָה פון די יעניגע, וועלכע טהוען דאָס, וואָס זיי מוזען טהאָן אין קענען זיך אַנדערש ניט העלפען. דער פערברעכער איז ניט פעראַנטוואָרטליך פאַר וואָס די נאַטור האָט איהם אָנגעוואָרפען מעהר חֶסְרוֹנוֹת ווי מַעֲלוֹת, אָדער לויטער חֶסְרוֹנוֹת, אַ פערברעכער דאַרף רעפאָרמירט ווערען און אַ תְּפִיסָה דאַרף זיין אַ שולע אַן אַרעסטאַנט דאַרף אַרבייטען און קריגען בעצאָהלט, מען זאָל איהם בעהאַנדלען ווי אַן אונגליקליכען גייסטיגען קאַליקע, ניט ווי אַ ווילדע חַיָה.

לאָמיר נאָר עפענען עהרליכע שולען וועלען מיר צו שליסען אַ סַך געפענגניסע. מען דאַרף אויך כְּסֵדֶר ערקלערן אונזערע קינדער, אַז דער יעניגער, וואָס זוכט צופיעל רייכטהום, מעהר וויפיעל ער קען געברויכען, דער איז אַ קאַנדידאַט פאַר'ן דול־הויז. שאַדע די צייט, שאַדע די מִיה און די אַרבייט צו זוכען דאָס וואָס איהר דאַרפט ניט, דאָס וואָס איהר קענט קיין מאָל ניט געברויכען.

ניט דער בעטלער און ניט דער מיליאָנער זענען גליקליך. דער ערשטער זוכט כְּסֵדֶר זיך אויפצוהויבען פון אָבגרונד, און דער צווייטער האַלט אין מורא האָבען ער זאָל זיך ניט אַראָב קייקלען פון שפיטץ לייטער. וויפיעל האָבען מיר רייכע לייט, וועלכע קענען זיך ריהמען, אַז זיי האָבען אַ גרויסען פערמעגען! דאָס פערמעגען האַלט דאָך זיי! זיי אַרבייטען ווי שקלאַפען פיר מיליאָנען וואָס ניט זיי און ניט זייערע קינדער קענען דערפון מאַכען אַ געברויך.

אֱמֶת גליקליך איז נאָר דער, וועלבער האָט אַ גוטען געשעפט וואָס ברענגט איהם גענוג צו לעבען בעקוועם, צו ערציהען זיינע קינדער און אויך איבערצולאָזען גענוג פיר דער עלטער, ווען די אויגען ווערען פערוואָלקענט און די זונן פון לעבען ווייזט זיך אויף מַעֲרָב־זייט.

דאָס איז מיין וועלט, פריינדע, דאָס איז דער איינציגער וועג ווי מיר זאָלען קענען אויסמענשלען די מענשהייט און

פערוואנדלען אונזער פלאַנעט ערד אין אַ פלאַטץ וואו פרײַהײַט, ליעבע, יושר, ערהליכקייט און ליכט זאָלען געהען האַנד און האַנד.

אָה ניין, עס קען אַנדערש ניט זיין. עס טאָר אַנדערש ניט זיין, עס מוז קומען יענע געבענטשטע צייט, ווען יעדער אינטעליגענטער מאַן זאָל פיהלען, אַז ער קען ניט זיין גליקליך, כל־זמן עס געפינען זיך מיליאָנען מענשען, וועלכע ליידען הונגער און קעלט. עס מוז קומען די צייט ווען יעדעס הערץ וועט ארויסגעבען די פאַרפומטע פון יענע היילינגע בלום, וואָס מיר רופען רחמנות! עס מוז קומען אַ צייט ווען דער מענש זאָל וועלען וויסען די גאַנצע וואַהרהייט און אויסגעפינען דעם ריכטיגען פונדאַמענט פון גליק. זאָגט וואָס איהר ווילט, מיר מוזען האָפען און ערוואַרטען, אַז אין די געהירן פון יעדען מענשען וועט זיך מיט דער צייט ענטוויקלען אַ גייסטיגער הכנסת אורחים, ווען יעדער וואָס האָט, זאָל דענקען פון זיין חבר וואָס האָט ניט, ווען דער ריינער פערשטאַנד וועט זיטצען אויף'ן טהראָן!

אָבער אום צו ציוויליזירען די וועלט, אום צו ברענגען וואָס גיכער דעם גאָלדענעם מאָרגענשטערן, מוזען מיר אָנפאַנגען די ערציהונג פון אונזערע קינדער, ווען זיי זענען נאָך אין וויגעלע, ווען זיי שמייכלען אין שוים פון זייער ליעבליכע מוטער, דאַן ווען זייערע חן־גריבעלעך זענען נאָך גענוג טיעף צו בעגראָבען אינעווענינג אלע אונזערע צרות.

---

## 6.

די רעפאָרמען וועלכע איך האָב אָנגעצייגט, קענען ניט דורכגעפיהרט ווערען אין איין טאָג, און אפילו ניט אין איינינגע דורות. אָבער דיזע ענדערונג מוז קומען און וועט קומען, ווען מיר וועלען אָנפאַנגען מיט דער מענשהייט אַ נייעם אַלף־בית אין וויגעלע.

ווען קינדער וועלען ערצויגען ווערען אויף דער ארט ווי איך האב אנגעצייגט, וועלען מיר ניט האבען קיין ראסען־האס, וואו איין פאלק וויל צורייסען דאס אנדערע פאלק נור צוליעב רעליגיאן. זייט יאהר־הונדערטע האבען קריסטען געפייניגט און פערפאלגט אידען. דיעזע אמונה האט פערהארטעוועט די הערצער פון גרויסע מענשען און פערגיפטעט די געדאנקען פון קליינע קינדער אזוי וויט, אז אידען־פערפאלגונג איז געווארען א נאטירליכע זאך. און טאקע, ווי זאל מען רחמנות האבען אויף מענשען וואס הענגען אויף איין אלמעכטיגען גאט, וועלכער האט בעשאפען הימעל און ערד?!

דיעזע אידען־פערפאלגונג איז דער שמוטציגסטער קאפיטעל פון דער היסטאריע, און יעדער ציוויליזירטער קריסט דארף פיהלען אויף זיינע באקען די רויטע פלעקען פון שאנדע.

איך הער ווי איהר זאגט, ווערטהע פריינד, אז מיין אויס געבעסערטע וועלט האט א גרויסען חסרון, וואס זי קען ניט באלד געשעהן. איהר פרעגט; וואס טהוט מען דערווייל, ווען מיר האבען אזוי פיעל פערברעכען, ארימקייט און עלענד?

אמת, אבער מיר קענען אנפאנגען די אויסבעסערונג פון דער וועלט באלד אויף דיעזע ארט. זאל יעדער דענקען פון מארגען און העלפען ווי וויט ער קען זיין חבר וואס לייד עט. זאל ער טהאן וואס ער קען, אויפצוהייבען די געפאלענע און העלפען די יעניגע, וועלכע ווילען זיך אליין העלפען. זאל נאר יעדער טהאן נאר די גוטעס וויפיעל ער האט בכח צו טהאן. אויב ער קען עס ניט טהאן מיט טהאטען, זאל ער עס וועניגסטענס טהאן מיט ווערטער, ווייל גוטהערציגע ווערטער פון האפנונג קענען אפט ברענגען פיעל זונען־שיין אין פערוואלקענטען געצעלט פון דעם וואס ליידעט. זאל נאר יעדער טהאן נאר די גוטעס וויפיעל ער קען, זאל ער זעהען צו לייגען וויפיעל זאלב ער קען אויף די וואונדען פון זיין חבר און ברענגען וואס גיבער די שטראהלען פון ישועה. די וועלט מוז בעסער ווערען.

בעפרייען די וואס טרינקען זיך אין נויטה, אנצינדען די לאמפע פון האפנונג אין מיטען נאכט פון פערצווייפלונג — אט

דאָס איז די וואַהרע הייליגקייט וואָס אַ מענש קען דערגרייכען. דאָס איז די רעליגיאָן פון וויסענשאַפט. די אַלטע אֱמונות זענען צו ענג פיר אונז, צו קליין, די אַלטע דינים פון דער קירכע זענען צופיעל ווילד, צופיעל בארבאַריש. מיר וואַקסען און אונזער ערדעלקייט וואַקסט מיט. מיר דאַרפען האָבען עטוואָס בעסערס און גרעסערס.

דער גרויסער בלויער געוועלב, וואָס איז אויסגעפלאַסטערט מיט זונען און פלאַנעטען — אָט דאָס איז דער טהורם פון דעם אֱמֶת'ן בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ. די יעניגע, וועלכע ערקלערען אונז די סודות פון דער נאַטור, זענען די איינציגע כֹּהֲנִים גְדוֹלִים. אין יענער גרויסער אֱמוּנָה נאָך וועלכע איך בענק, געפינען זיך פעראייניגט אַלע וואַהרהייטען וואָס ליפּען קענען אַרויס ריידען, אַלע טרוימען פון פרייד און האָפנונג. די אֱמֶת'ע קירכע איז בעפוצט ניט מיט צְלָמִים, נאָר מיט אַלע קונסט זאַכען, און אין דעם אֱמֶת'ן כאָר „הַלְלוּיָה" פליסט דער שטראָם מוזיק פון אַ וועלט, וואָס ווייזט אונז דעם הימעל אויף דער ערד.

אונוויסענהייט איז פינסטערקייט, לאָמיר פערפלייצען די גאַנצע וועלט מיט אַזאַ ליכט פון בילדונג און אויפקלערונג, אַז די שטראַהלען זאָלען אָבשלאָגען אויף'ן מענשען'ס הערץ.

---

## 7.

ווי איהר זעהט, פריינדע, האָב איך אייך דאָ אַרויס געגעבען אַ נייע תּוֹרָה ווי מיר זאָלען אויסבעסערן די מענשהייט אַזוי ווייט, אַז די וועלט זאָל ניט זיין נאָס פון אַזוי פיעל טהרערן — אויב ניט אין גאַנצען אָהן טהרערן. אָבער יעדע נייע תּוֹרָה פאָדערט אַ נייעם Credo (אֲנִי־מַאֲמִין), און איך וועל אייך אַלזאָ אַרויס־געבען די פאָלגענדע אֲנִי־מַאֲמִין'ס:

# אִיךְ גְלויבּ אִין גֶעזוּנְדְהֵייט.

איך גלויב אין דער אמונה פון לוסטיגקייט און געזונדהייט. מיר מוזען שטענדיג האבען אונזערע אויגען אויף אונזערע קערפערס, מיר מוזען זעהן צו פערזארגען אונזער קערפער מיט אלעס־וואס מיר קענען, און אונזער זעעלע וועט זיך שוין ממילא אליין פערזארגען. איך גלויב אז עס וועט קומען די צייט ווען די וועלט וועט בעטראכטען פיר א פערברעכער דעם יעניגען וועלכער פערנאכלעסיגט זיין געזונדהייט און פערשפרייט דורך דעם קראנק־הייטען. איך גלויב אז עס וועט קומען יענע געבענטשטע צייט, ווען מענשען וועלען מעהר ניט אנפילען די וועלט מיט שווינדזוכט און מיט דול־הייזער. איך גלוב אז עס וועט קומען די געזונדע צייט, ווען דער מענש וועט זיך אליין שטודירען, אום צו פערש־טעהן די געזעטץ פון געזונדהייט, און מיר וועלען אלע קומען צום שכל, אז דאס בעסטע וואס מיר קענען טהאן איז — ארויסשליע־לען די פלעג פון געזונדהייט אויף די ראזע בעקעלאך פון אונזערע קינדער! ווען איך זאל אפילו האבען דעם שעהנסטען פלאטץ אין גן־עדן, און דערצו א גאלדענע הארפע צו געבען קאנצערט, לויט ווי די קריסטליכע קירכע פערשפרעכט מיר. אויך דאן וואלט מיר ניט איינגעגאנגען מיין גן־עדן'שער פערגניגען, ווען איך זאל וויסען, אז איך האב איבערגעלאזען אויף דער וועלט קינדער וואס זענען קראנק, פערקריפעלט, וואהנזיניג און זיי מוזען נעביך ליידען די שטראף פיר מיינע פערברעכענס געגען די געזעטצע פון דער נאטור און געזונדהייט!

# אִיךְ גְלויבּ אִין פְּרַייהַייט.

איך גלויב אין פרייהייט, דאס הייסט, אז מיר מוזען געבען צו אנדערע דאס, וואס מיר פערלאנגען. יעדער דארף זיין פריי צו דענקען וואס ער וויל, פונקט ווי איך מעג דענקען וואס איך וויל. אי וואס? — די געדאנקען פון מיין שכן שטימען ניט איין מיט מיינע. נו איז וואס? מיר האבען גענוג פלאטץ פיר יעדען'ס

געדאַנקען. וואָס פיר אַ רעכט האָבען מיר איבערהויפּט צו צווינגען יענעם, ער זאָל דענקען ווי מיר וויללען? די קירכע האָט עס אַ לאַנגע צייט געטהאָן, און זי טהוט עס נאָך יעטצט וואו זי קען. אָבער דאָס איז דער גרעסטער אינגליק פון דער קירכע. דער גרעסטער אונגליק פיר דער מענשהייט.

# איך גלויב אין עולם־הזה.

יאָ, איך גלויב אין דער אֱמוּנָה. אַז מען דאַרף לעבען אַ גוטען טאָג און הנאָה האָבען פון דער וועלט. איך גלויב ניט, אַז איך קען גליקליך מאַכען דעם אַללמעכטיגען דערמיט, וואָס איך וועל פּייניגען מיין קערפּער, אַרויפשלעפּען אויף זיך אַ באַרג יסורים, אום איך זאָל אָבקומען אוף דיעזער וועלט. אַזאַ גאָט וואָס קלייבט נחת צו זעהן ווי איך לייד, איז קיין באַרמהערציגער הערר, נור אַ טיראַן, וואָס האָט דאָס גרעסטע פערגניגען צו זעהן ווי מענשען שמאַכטען מיט בלאַסע ליפּען. אָה ניין, לאָמיר צו־ערשט האָבען גוטע שפּייז, גוטע קליידער און אַ גוטע וואָהנונג. דער גוטער שכל וועט שוין נאָכקומען.

# איך גלויב אין בילדונג.

איך גלויב אין דער. אֱמוּנָה פון בילדונג, פון ריינעם פערשטאַנד, ווייל דאָס אַליין קען אונז אַרויסשלעפּען פון זומפּף צרות. די אַקאַדעמיע איז מיין טעמפּעל, די וועלט איז מיין ביבעל, און די שעהנסטע רעליגיאָן איז די מענשהייט! איך גלויב ניט, אַז גאָט וועט בראָטען אין אייביגע פלאַמען פון גיהנום דעם יעניגען וואָס האָט זיך בעמיהט צו מאַכען פון אונזער וועלט אַ גן־עדן. וואָרום זאָל גאָט בעשטראָפען דעם, וואָס האָט געזוכט צו מאַכען זיין חבר גליקליך? אֱמֶת, רעליגיאָן זאָגט, אַז דאָס אַלעס איז ניט וועָרט קיין אויסגעבלאָזענע איי, ווייל גלויבען איז בעסער ווי דענקען. איך זאָג אָבער „ניין“! איך זאָג, אַז מיין אֱמוּנָה אין

געזונדהײַט װעט פערלענגערן דעם מענשען׳ס לעבען, מײַן אֶמונה אין בילדונג, אין אויפקלעהרן מײַן חבֵר, קען בעדעקען די װעלט מיט גליקליכע פאמיליעס. מײַנע „אַני־מאמין׳ס” װעלען לײגען קארפעט אין אײער װאָהנונג, בילדער אויף אײער װאַנד און רײַנע געדאַנקען אין אײער קאָפּ. מײַנע „אַני־מאמין׳ס” װעלען אײַך געבען געזונדהײַט, רײַכטהום און גליק!

# איך גלויב אין גערעכטיגקייט.

איך גלויב אין גערעכטיגקײַט, און מיר געניסען די פרוכט װאָס מיר פלאנצען, איך גלויב ניט אין מוחל זײַן. װען איך בעטריב מײַן שכן, און גאָט איז מיר מוחל — װעלכע נוטצען האָט דערפון מײַן שכן, װעמען איך האָב בעטריבט? װען גענעראַל מערסיע האָט געפּלאָגט דעם אונשולדיגען קאַפּיטאַן דרײפוס פינף יאָהר אין אַ לעבעדיגען קבֵר, און גאָט איז מוחל דיזע בעסטיע מערסיע — מיט װאָס קען דיזע מחילה אָבװישען די טרעהרען און זיפצען פון אַלפרעד דרײפוס און זײַן פאמיליע? איך גלויב אָבער ניט, אַז גאָט קען מוחל זײַן מײַן לומפּערײַ געגען מײַן חבֵר כל־זמן איך האָב אַלײן ניט אָבגעװישט מײַנע פערדאָרבענע מעשים־תעתועים. איך גלויב אין אײביגע גערעכטיגקײַט, און דער יעניגער, װעלכער טהוט אַלעס־בײז מיט דער האָפנונג, אַז אַ קאַפּיטעל תהלים װעט דאָס אַלעס אָבװישען — אַזאַ בריאה מאַכט פון זײַן גאָט אַ שטרויזאַק און פון רעליגיאָן — אַ זונה!

# איך גלויב אין עהרליכע געלד.

איך װיל אײַך אַװעק געבען מײַן מײנונג װעגען געלד. מיר האָבען אַלע גערן געלד, און דאָס איז קײן װאונדער, װײַל פיר געלד קריגט מען אַלעס. אָבער װעניג װײסען װאָרום דער דאָלאַר האָט אַ מאַכט.

פיעלע מײנען, אַז אונזער רעגירונג קען אַרױפדרוקען איהר אָדלער אויף אַ שטיקעל פּאַפּיר אום צו מאַכען דערפון

געלד. ווײַל, ווען עס וואָלט ווירקליך געווען אַזוי, טאָ וואָרום פערלירט אינזער רעגיערונג צײַט צו פאַבריצירען פון פאַפיר איינציגע דאָללאַרס? מען קען דאָך מאַכען פון דיעזען שטיקעל פאַפיר אַ טויזענד־דאָללאַר ביל! נאָך מעהר, מיר קענען מאַכען פון יעדער דאָללאַר סיגנאַציע אַ צעהן טויזענד דאָללאַר סיגנאַציע — טאָ וואָרום וויל ניט אונזער רעגיערונג מיר זאָלען אַללע ווערען מילליאָנערען? וויעדער, ווי באַלד אַז אַ רעגיערונג קען און מעג מאַכען געלד, טאָ וואָרום מאָהנט זי פון אונז טאַקסעס? וואָרום דאַרף זי אַלליין געלד?

אָבער, די וואַהרהייט איז, אַז דאָס שטיקעל פאַפיר וואָס מען גיבט איך דערפאַר איין דאָללאַר אָדער הונדערט — דיעזעס שטיקעל פאַפיר אַלליין איז קיין געלד, נור איין אָנווייזונג פון דער רעגיערונג פיר איין דאָללאַר אָדער הונדערט אַרבייט דאָללאַר גאָלד אָדער זילבער, ווײַל דיעזע מעטאַלען שטעלען פאָר די אַרבייט, וואָס איז דאָס רייכטהום פון אַ לאַנד. ווען אַ נאַציאָן מאַכט מעהר פאַפיר געלד וויפיעל זי איז ווערט אין גאָלד אָדער אין זילבער, דאָס הייסט וויפיעל זי קען פערדיענען דורך אַרבייט, דאַן איז דיעזע נאַציאָן באַנקראָט. גאָלד און זילבער איז ניט מעהר ווי אַ מאָס צו מעסטען אַרבייט.

איך זאָג „גאָלד און זילבער", ווײַל איך גלויב אין עהרליכען דאָלאַר, דאָס הייסט, אַז אין אַ זילבערנעם דאָללאַר זאָל זיין אַזוי פיעל זילבער וואָס זאָלל האָבען די ווערט הונדערט סענט. אָבער, ווען מען נעהמט אַ שטיק זילבער, וואָס האָט נור די ווערט אין שמעלץ 50 אָדער 60 סענט, און מען האַקט אַרויף אויף דיעזע שטיק זילבער, אַז זי איז ווערט אַ גאַנצען דאָללאַר אין גאָלד, דאַן איז דאָס אַ געמיינער ליגען! אַ גרויסע נאַציאָן טאָר ניט שטעמפּלען אַ ליגען אויף גאָלד אָדער זילבער. דער שטעמפּעל דאַרף נאָר גאַראַנטירען, אַז דאָס האָט ווירקליך די ווערט אַזוי פיעל ווי דער מעטאַל איז ווערט. איך גלויב, אַז איין עהרליכע נאַציאָן דאַרף האָבען עהרליכע געלד. איך גלויב אין עהרליכען דאָללאַר, און מיין מיינונג איז, אַז דיעזער ליטצטער אני מאמין פון עהרליכע געלד איז דער פונדאַמענט

פון מַזָל־בְּרָכָה פיר יעדע נאַציאָן, און נאָר אויף דיזער אַרט, קען אַ גרויסע לאַנד אַרויפקריכען אויף'ן לייטער פון הַצְלָחָה.

# איך גלויב אין איינבילדונג.

יא, איך גלויב אין די שעהנע פאַנטאַזיעס פון די יעניגע וועלכע מען רופט „אידעאַליסטען" דאָס הייסט, וועלכע פיטערן זיך אויף די פעלדער פון איינבילדונג און טרוימען כְּסֵדר פון דאָס וואָס עס קען זיין. יאַ, איך גלויב אַז אֲפִילוּ דאַן ווען מיר זאָלען האָבען אַ וועלט אָהן טרעהרען לויט דער פּראָגראַם וואָס מיר האָבען פאָרגעלייגט, און די מענשהייט זאָל ווירקליך ווערען פערבעסערט — אויך דאַן וואָלט זיין דאָס לעבען פון מענשען אַ וויסטער מִדְבָּר ווען מיר געהמען אַראָב פון איהם דעם פּורפּור־מאַנטעל פון איינבילדונג.

ווייסט איהר פאַרוואָס? ווייל דער בעסטער טהייל פון אונזער לעבען איז אימער די זאַך נאָך וועלכע מיר בּענקען און מיר האָבען עס ניט! ווען דער מענש זאָל זעהן נור וואָס עס איז, ווען דער רעגענבויגען פון איינבילדונג זאָלל ניט שטענדיג שוועבען איבער אונזער לאַנגוויילינע ארבייט פון יעדען טאָג, ווען דער מענש זאָל ניט טרוימען כסדר פון דאָס וואָס עס־קען־זיין, וואָלט דאָך קיינער ניט געוואָלט געהן זיך מוסר נֶפֶש זיין פו־ר'ן צווייטען. קיין מענש וואָלט אָבגעהאָרעוועט זיין גאַנצען לעבען פיר אַ קורצע צייט נַחַת, דאַן ווען זיין זונן האַלט ביי אונטערגעהן, קיין מוטער וואָלט אַריבער געטראָגען דעם בּאַרג צָרוֹת פון קינדער האָדעווען, קיין פערליעבטער וואָלט ניט אַזוי שטורמיש פאַנטאַזירט מיט דעם פָּנִים פון זיין געליעבטע! מיט איין וואָרט — ווען ניט דאָס ביסעלע צוקער פון לעבען וואָס מיר רופען טרוימערייַ, וואָלט דער מענש זיכער געזונקען אין דער גרעסטער פערצווייפלונג, און דער לעצטער שטראַהל פון לעבען וואָלט זיך פערלאָשען אין אייביגע פינסטערקייט!

נאָך מעהר, אֲפִילוּ אין אלע פאַכען פון אונזער טעגליכע בעשעפטיגונג איז די טרוימערייַ אימער דער בעסטער טהייל פון

אונזער אַרבּייט: די שעהנסטע רעדע איז אימער די וואָס דער רעדנער האָט געוואָלט זאָגען און האָט פערגעסען! דער בּעסטער אַרטיקעל איז אימער דער געדאַנק וואָס דער שרייבּער האָט „געהאַט אין זינען" צו שרייבּען, נור עס איז איהם פלוצלינג אַרוים געפלויגען פון קאָפּ! די שעהנסטע מוזיקאַלישע פּעריאָדע איז אימער די מעלאָדיע וואָס טאַנצט אַרום דעם מוזיקער'ס זעלע אין וואָס ער קען ליידער נים אַרויסגעבּען דורך דעם אינסטרומענט! אַזוי איז כּמעט דאָס וואָס מיר קענען נים קריגען אימער דאָס בּעסטע, דאָס שעהנסטע און דאָס גרעסטע: דיעזער זיסער חלום פון „עס־קען־זיין" האַלט אָן בּיי אונז פון שולע בּיז מצבה — און זאָגאַר דאַן, יענער שו עקליכער „דאַן" איידער מיר געהען זאָגען „גוט־נאַכט" צו דיעזער וועלט — אויך דאַן זוכען מיר נאָך יענעם „אפשר", יענעם זיסען חלום וואָס האָט אונז געגעבּען קוראַזש צו לעבּען, לעבען, האָפען, ליידען און קעמפּפען!

איך גלויבּ אַלזאָ אין דער איינבּילדונג וואָס מאַכט אונזער לעבּען זיס, און געבּענטשט זענען די פּרינצען פון טרוים־לאַנד. די פּאָעטען, וועלכע האַלטען אין איין זינגען, אַז אונזער וועלט קען זיין נאָך בּעסער און נאָך שעהנער.

אָט אַזוי פערשטעהע איך מיין וועלט אָהן טרעהרען, מיין וועלט פון פרייד און דאָס איז דער וועג, ווי צו פערבּעסערן דעם מענשען'ס לעבּען.

עָנדע

КАТАЛОГЪ ОТКРЫТЫХЪ ПИСЕМЪ
Русскихъ писателей.

קאַטאַלאָג פּאָסט-קאַרטען
פון בעוואוסטע אייראפּעישע שרייבער.

| | № | |
|---|---|---|
| Карлъ Марксъ | 901 | קאַרל מאַרקס |
| М. Горькій | 902 | מ. גאָרקי |
| Некрасовъ | 903 | נעקראַסאָוו |
| Ф. Энгельсъ | 904 | פ. ענגעלס |
| Ф. Лассаль | 905 | פ. לאַסאַל |
| А. Бебель | 906 | א. בעבעל |
| Ф. Шаляпинъ | 907 | פ. שאַליאַפּין |
| Наши друзья | 908 | אונזערע פריינד |
| Группа 8 писателей въ арфѣ | 909 | אַ גרופּע פון 8 שרייבער אין האַרפּע |
| Группа 10 писателей въ альбомѣ | 910 | אַ גרופּע פון 10 שרייבער אין אַלבאָם |
| Л. Андреевъ | 911 | ל. אַנדרייעוו |
| И. Гончаровъ | 912 | י. גאָנצאַראָוו |
| В. Короленко | 913 | וו. קאָראָלענקאָ |
| Е. Чириковъ | 914 | ע. טשיריקאָוו |
| Л. Толстой | 915 | ל. טאָלסטאָי |
| Г. Сенкевичъ | 916 | ג. סענקעוויץ |
| Скиталецъ | 917 | סקיטאַלעץ |
| А. Чеховъ | 918 | א. טשעחאָוו |
| В. Гаршинъ | 919 | וו. גאַרשין |
| Группа 7 русскихъ писателей | 920 | אַ גרופּע פון 7 רוססישע שרייבער |
| Князь Трубецкой | 921 | קניאַז טרובעצקאָי |
| А. Мискевичъ | 922 | מיסקעוויטץ |
| Э. Оржешко | 923 | ע. אָרזשעסקאָ |
| Добролюбовъ | 924 | דאָבראָלובאָוו |
| Чернышевскій | 925 | טשערנישעווסקי |
| В. Вересаевъ | 926 | וו. וועסעאַיעוו |

**Я. ЛИДСКІЙ, Книжный магазинъ**
**Варшава, Налевки 36.**

# אין בוכהאנדלונג

## פון פערלאג „פראגרעס"

ווארשא, נאלעווקי 36 №

איז שטענדיג צו בעקומען דעם גרעסטען אויס·
וואהל פון די בעסטע ניצליכסטע אונ נייעסטע
יודישע ביכער וואס ערשיינען אין רוסלאנד
אונ אויסלאנד.

ספעציאלע ביליגע פרייזען ווערט גערעכענט פיר ביבליאטעקן

קאטאלאגען פריי

**Книжный магазинъ** Издательства **„Прогрессъ"**
Варшава, Налевки 36.